# טאָג־טעגלעך ברויט

ווי אַ צעדמטער הונט
צעברעכט די ציינער בײַסנדיק די קייט
אָנשטאָט ס׳פֿלייש פֿון שלאָגנדיקן אַכזר.

יימאַכשימכאַ!

סך־הכל איז יידל פּאַטאַק געווען אַ פּראָסטער יונג
אָבער, מענטשנקינד, האָסט געזען
ווי אַזוי יידל פּאַטאַק איז געגאַנגען צו דער תּליה?

רבונו־של־עולם! כ׳בין אַ פּאָעט. כ׳האָב אַ שפּראַך —
ווי אַזוי איז יידל פּאַטאַק געגאַנגען צו דער תּליה?

מ׳האָט אים צוריקגעבראַכט אינעם לאַגער
כּדי אַלע זאָלן זען ווי אַזוי מ׳הענגט אין אוישוויץ —
אַדרבא, ווײַז מיר ווי אַזוי יידל פּאַטאַק איז געגאַנגען צו דער תּליה?
— ער איז געגאַנגען צו דער תּליה ווי צו אַ מענטשלעך געברויך.
— אַ מכּה וויסטו!

רבונו־של־עולם, ווי אַזוי איז יידל פּאַטאַק געגאַנגען צו דער תּליה?

ביזן סוף פֿון מײַנע לעבנס
וועל איך טאָג־טעגלעך פֿון זיבען אַראָפּ
בשעתן פֿילן יידל פּאַטאַקס טריט אויף מײַן לײַב —
צו דער תּליה.

ווי אַ צעקײַלטער משוגענער הונט בײַס איך די קייט
פֿון אַלע מײַנע שפּראַכן:
אַ רוקן. טריט. פֿיס. אַ בליק אַהער. אַ בליק אַהין.
אָבער אַ גאַנג! האַ־האָ סאַראַ גאַנג!

יימאַכשימכאַ!

דער בן־אָדם איז אַוודאי נישט ווערט מײַן קללה
אָבער דו, רבונו־של־עולם, מחני נא מספּרך —